# THE SHEPHERD OF ISRAEL

Subscription 50 Cents a Year. OCTOBER 1970 Vol. 55 - No. 2


# The Suffering Servant—An Old Problem Solved

By RACHMIEL FRYDLAND

MUCH HAS been written and discussed about this outstanding section of Isaiah 52:13 - 53:12 in the Hebrew Scriptures. Here is the English translation of The Holy Scriptures, Revised in Accordance with Jewish Tradition and Modern Biblical Scholarship, by Alexander Harkavy, published by the Hebrew Publishing Company in New York.

> Behold, my servant shall prosper, he shall be exalted and extolled, and be very high. As many were astonished at thee; his visage was marred more than any man, and his form more than the sons of men: So shall he sprinkle many nations; the kings shall shut their mouths at him: for that which had not been told them shall they see; and that which they had not heard shall they consider.
>
> Who would have believed our report? and to whom is the arm of the Lord revealed? For he grew up before him as a tender plant, and as a root out of a dry ground: he had no form nor comeliness; and when we see him, there is no beauty that we should desire him. He was despised and rejected of men; a man of sorrows, and acquainted with grief: and as one from whom men hide their face he was despised, and we esteemed him not.
>
> Surely he hath borne griefs inflicted by us, and suffered sorrows we have caused: yet we did esteem him stricken, smitten of God, and afflicted. But he was wounded through our transgressions, bruised through our iniquities: the chastisement of our peace was upon him, and with his wounds we were healed. All we like sheep have gone astray; we have turned every one to his own way; and the Lord hath caused the iniquity of us all to fall upon him.
>
> He was oppressed and he was afflicted, yet he opened not his mouth: as a lamb which is brought to the slaughter, and as a sheep before her shearers is dumb, so he opened not his mouth. He was taken away from rule and from judgment; and his life who shall recount? for he was cut off out of the land of the living; through the transgressions of my people was he stricken. And one made his grave among the wicked, and his tomb among the rich; although he had done no violence, neither was any deceit in his mouth.
>
> But it pleased the Lord to bruise him; he hath put him to grief: if his soul shall consider it a recompense for guilt, he shall see his seed, he shall prolong his days, and the pleasure of the Lord shall prosper in his hand. He shall see of the travail of his soul, and shall be satisfied: by his knowledge shall my servant justify the righteous before many, and he shall bear their iniquities. Therefore will I divide him a portion with the great, and he shall divide the spoil with the strong; because he hath laid open his soul unto death, and was numbered with transgressors; and he took off the sin of many, and made intercession for the transgressors.

### THE CONTEXT

The text is clear. The passage speaks of an outstanding servant of the Lord Jehovah whose visage is marred from suffering, who suffers, and is afflicted and stricken through the transgressions of my (i.e. the prophet Isaiah's) people. He has not deserved any pain or wounds, but was wounded through OUR transgressions, bruised through OUR iniquities, and with his wounds we are healed. Not only is He concerned with us, the Jewish people, but He will also sprinkle many nations, who will be cleansed from their evil and sins through His sufferings. Even Gentile kings and rulers will give Him a hearing.

The context, that is the chapters preceding and following this passage, also speak of the physical and spiritual cleansing and salvation of Israel. Thus in chapter 52:10 we see God's concern, first with Israel, and then with the Gentiles, as it is written:

> The Lord hath made bare his holy arm in the eyes of all the nations: and all the ends of the earth shall see the salvation of our God.

God, Who has created all nations, is concerned for the salvation of all nations. Besides, there is no safety for Israel unless the nations also acknowledge the God of Israel. The same is true of the chapters that follow this passage wherein Israel is admonished to:

> Enlarge the place of thy tent, and let them stretch forth the curtains of thine habitations: spare not, lengthen thy cords, and strengthen thy stakes. For thou shalt break forth on the right hand and on the left; and thy seed shall inherit the Gentiles (Isaiah 54:2,3).

This theme is carried over to the next chapter where everyone is invited to drink and feast on the spiritual food of God. Of the Messiah it is said,

> Behold, I have made him a witness to the people, a leader and commander of nations (Isaiah 55:4 Harkavy's Jewish translation).

Clearly the context speaks of God's anointed One, the Messiah, Who is interested in the salvation and justification of Israel and then in the salvation of the other nations — the Gentiles.

### CONSENSUS OF ANCIENT RABBINIC OPINION

The text and the context present the suffering Servant of the Lord Jehovah Who dies as a *korban,* a recompense for guilt. He is then buried with the rich and wicked, but is gloriously resurrected to life. God permits His afflicted and, at the end, exalted Servant to endure this suffering in order to effect the removal of the sins of many, the Jew first and also the Gentile.

Our ancient commentators therefore with one accord interpreted the passage accordingly. The Aramaic translation ascribed to Rabbi Jonathan ben Uziel, a disciple of Hillel who lived early in the second century A.D., begins with the simple and worthy words:

> Behold my servant Messiah shall prosper; he shall be high, and increase, and be exceeding strong: as the house of Israel looked to him through many days, because their countenance was darkened among the peoples, and their complexion beyond the sons of men.

The same interpretation we find in the Babylonian Talmud:


## A GIFT FOR YOU!

**An attractive Jewish Art Calendar for the year 5731 containing a portion from the Tenach for each day. This lovely calendar includes information on the important holy days. You may have this calendar free and post paid by writing to us:**

**THE SHEPHERD OF ISRAEL, 236 West 72nd St., New York, N. Y. 10023**



*Published Monthly, except bi-monthly during July and August, by the American Board of Missions to the Jews, 236 West 72nd Street, New York, N. Y. 10023*

> The Messiah — what is his name? . . . The Rabbis say, the leprous one; those of the house of Rabbi say, The sick one, as it is said, "Surely he hath borne our sicknesses."

Similarly in the Midrash Rabbah:

> In an explanation of Ruth 2:14 — He is speaking of the king Messiah: "Come hither" draw near to the throne; "and eat of the bread," that is, the bread of the kingdom; "and dip thy morsel in the vinegar," this refers to the chastisements, as it is said "But He was wounded for our transgressions, bruised for our iniquities."

In the same manner also in the *Yalkut*, a later midrash:

> "Who art thou, O great mountain?" (Zechariah 4:7). This refers to the King Messiah. And why does he call Him the "great mountain?" Because He is greater than the patriarchs, as it is said, "My servant shall be high, and lifted up, and lofty exceedingly." He will be higher than Abraham, who says, "I raise high my hand unto the Lord" (Gen. 14:22); lifted up above Moses, to whom it is said, "Lift it up into thy bosom" (Numbers 11:12); loftier than the ministering angels, of whom it is written, "Their wheels were lofty and terrible (Ezekiel 1:18). And out of whom does He come forth? Out of David.

These are a few of the ancient interpretations referring this chapter to the suffering and exalted Messiah. The only one who met all these qualifications was the Lord Jesus of Nazareth, the Messiah.

### CONSISTENCY

Although our Jewish ancient authorities interpreted this passage as referring to Messiah, some of the later rabbis, of whom the most prominent was Rashi (short for Rabbi Shlomo Itzchaki, 1040-1105), began to interpret the passage as referring to Israel. They knew that the older interpretations referred it to Messiah, but probably because of the pressures of a degenerate, medieval Roman Catholic Christianity they wanted to prevent their people from accepting such a faith. But although their intentions were sincere, other prominent Jewish rabbis and leaders realized the inconsistencies of Rashi's interpretation. They presented a threefold justified objection to his innovation. First, they pointed out the consensus of ancient opinion. Secondly, they pointed out that the text is in the singular. Thirdly, they pointed to verse eight, "For the transgressions of my people was he smitten" and said that "my people" must be Israel for whom the LORD's servant suffers.

R. Moshe Kohen explains the section:

> This passage, the commentators explain, speaks of the captivity of Israel, although the singular number is used in it throughout . . . Others have supposed it to mean the just in this present world, who are crushed and oppressed now . . . but these too, for the same reason, by altering the number, distort the verses from their natural meaning. And then it seemed to me that . . . having forsaken the knowledge of our Teachers, and inclined "after the stubbornness of their own hearts," and of their own opinion, I am pleased to interpret it, in accordance with the teaching of our Rabbis, of the King Messiah.

For the same reason, Rabbi Moshe Alsheikh, Rabbi of Safed, late sixteenth century, points out the same truth saying,

> I may remark, then, that our Rabbis with one voice accept and affirm the opinion that the prophet is speaking of the King Messiah.

Much to the point is the commentary of the great Jewish educator Herz Homberg (1749-1841), who says:

> According to the opinion of Rashi and Ibn Ezra, it relates to Israel at the end of their captivity. But if so, what can be the meaning of the passage, "He was wounded for our transgressions?" Who was wounded? Who are the transgressors? Who carried the sickness and bare the pain? The fact is that it refers to King Messiah.

Here let me add that the ones who interpreted the passage as referring to Israel had an insurmountable difficulty in verse eight which reads:

> He was taken from prison and from judgment and who shall declare His generation, for he was cut off out of the land of the living for the transgression of my people was he stricken.

Were the Jewish people, God forbid, ever cut off from the land of the living? No, we are proud that *Am Yisrael hay* — "The people of Israel are much alive" and in Jeremiah 31:35-37, God promised that they will exist forever. It is again impossible to say that Israel suffered for the transgressions of "my people" which clearly means Isaiah's people. Surely Isaiah's people are not the Gentiles, but the Jews. Then consistency demands that we interpret this chapter as referring to Messiah.

### COMMON SENSE

We appeal to your common sense. Take your Tenach and read the passage again. See that it can refer only to Jesus of Nazareth, the true Messiah. It was He Who was wounded for our transgressions. He was smitten for the transgressions of my people, Isaiah's people, your people, and for the whole world.

One of our greatest Jewish religious poets paraphrased this chapter into rhyme and metric poetry. It is recited in the Yom Kippur prayer of *Kether:*

> Messiah, our righteousness, hath turned from us: we are in terror and there is none to justify us! Our iniquities and the yoke of our transgressions He did bear for He was wounded for our transgressions: He carries our sins upon His shoulders, that we may find forgiveness for our iniquities, and by His stripes we are healed. O eternal One, the time is come to make a new creation: from the vault of heaven bring Him up, out of Seir draw Him forth, that He may make His voice heard to us in Lebanon, a second time by the hand of Yinnon (One of Messiah's names will be Yinnon according to rabbinic interpretation of Psalm 72:19).

Who else can it be except the Lord Jesus the Messiah? Receive Him into your heart today and your sins will be forgiven by His *korban*, for He was wounded for your transgressions and bruised for your iniquities.

**AMERICAN BOARD OF MISSIONS TO THE JEWS, Inc.**

*Established by Leopold Cohn in 1894*



HEADQUARTERS

LEOPOLD COHN MEMORIAL BLDG.
236 WEST 72nd STREET
NEW YORK, N.Y.

*Published monthly to make known to Israel the truth concerning the Messiah.*

**COME TO OUR MEETINGS**

*New York Area:*

*Manhattan, Beth Sar Shalom,*
236 West 72nd St., 10023
Mr. Arthur Katz. Tel: 362-7201

*Coney Island,* 3116 Neptune Ave.
Miss Hilda Koser. Tel: ES 2-2749

*Hollis,* 88-40 192nd Street.
Rev. William Ennis. Tel: 479-4565

*Huntington Station, L. I.*
*'Beth Sar Shalom'* 27 Liberty Street.
Mrs. Clara Rubin. Tel: HA 7-1825

*Levittown, L. I.,* 6 Parkside Drive.
Miss Ruth Wardell. Tel: PErshing 5-4577

*California:*
*Hollywood,* 6136 Lexington Avenue.
Rev. Harold Sevener
Tel: HOllywood 2-2263

*Florida:*
*North Miami Beach,* 16001 N.E. 18 Ave.
Mr. Martin Klayman, Tel: 949-5009
*Cooper City,* 9453 S.W. 53 Street
Rev. Raymond Cohen, Tel: 581-2391

*Illinois:*
*Chicago,* 6057 N. Kedzie.
Mr. Harry Jacobson. Tel: 338-5959

*Minnesota:*
*Minneapolis,* 6212 Minnetonka Blvd.
Rev. David Woods. Tel: 929-2036

*Pennsylvania:*
*Pittsburgh,* 5808 Beacon Street.
Rev. Henry Johnson. Tel: 521-8381

*Texas:*
*Dallas,* 5324 Northwest Highway.
Dr. Thomas S. McCall. Tel: 369-3274

*Washington, D. C.:*
5917 16th Street, N.W.
Rev. Robert Miller. Tel: 726-4909

## אייניקייט פון די מפרשים

מיר האָבן שוין איינגעזען אַז עס רעדט זיך דאָ אין ישעיה נ"ג וועגן דעם לײַדענדען עבד השם וואָס שטאַרבט אַלס אַ קרבן, אָפּצוקומען פאַר זינד און עבירות. מען ברענגט אים דאָן צו קבורה מיט די רייכע און מיט די רשעים, אָבער ער שטייט אויף תחיית המתים מיט גרויס כבוד. אָט דאָס אַלעס טוט גאָט דערלויבן אַז עס זאָל אַזוי געשען מיטן עבד השם כדי פיל זאָלן האָבן פאַרגעבונג פון זינד, צוערשט פאַרן ייד און אויכעט פאַרן גוי.

אונדזערע ערשטע מפרשים, טאַקע, האָבן פאַרטייטשט דאָס קאַפּיטל אַז עס באַציט זיך צו משיחן. אַזוי געפינען אינעם תרגום יונתן בן עוזיאל די פאָלגענדע ווערטער:

זע מיין קנעכט משיח וועט באַגליקן; ער וועט זיין דערהויבן און וואַקסן, און זיין זייער מעכטיק: היות דאָס הויזגעזינט פון ישראל האָט געוואַרט אויף אים פיל טעג, ווייל זייער פנים איז נעבעך פאַרשוואַרצט געוואָרן צווישן די פעלקער, און זייער אויסזען מער ווי די מענטשן קינדער.

ענלעכעס געפינען מיר אויך אין דער גמרא אין תלמוד בבלי:

משיח — ווי אַזוי הייסט ער?... די רבנן לערנען אַז ער הייסט, מצורע; די פון רבים הויז לערנען, אַז ער הייסט, דער קראַנקער, אַזוי ווי עס איז געשריבן אין ישעיה נ"ג, „אָבער דאָס האָט ער אונדזער קראַנקשאַפט געליטן".

אַזוי ווערט אויך געבראַכט אין מדרש רבה: אויף רות 14:2.

ער רעדט דאָ וועגן מלך המשיחן: „קום אַהער" ד. ה. דערנענטער זיך צום טראָן; „און עס פונעם ברויט", דאָס הייסט, דאָס ברויט פון מלכות; „און טונק איין דיין ברויט אינעם עסיק", דאָס באַציט זיך צו די ליידן, אַזוי ווי סע איז געשריבן, „און ער איז פאַרוואונדעט געווען איבער אונדזערע פאַרברעכן (ישעיה נ"ג").

מיר געפינען אויך דעם זעלבן טייטש אינעם ילקוט, אַ שפּעטערער מדרש:

„ווער ביסטו, אָ דו גרויסער באַרג?" (זכריה 7:4) דאָס באַציט זיך צו מלך המשיחן. און פאַרוואָס ווערט ער אָנגערופן „גרויסער באַרג?" ווייל ער איז גרעסער פון די אָבות, אַזוי ווי עס איז געשריבן „מיין קנעכט וועט זיין דערהייבן און דערהויכט און זיין זייער הויך". ער וועט זיין העכער פון אַברהם אָבינו, וואָס ער זאָגט, „איך האָב אויפגעהויבן הויך מיין האַנט צו גאָט (בראשית 22:14); דערהויכט איבער משה רבינו, צו וועמען עס איז געזאָגט געוואָרן, „נעם זיי אַרויף אויף דיין שויס" (במדבר 12:11); זיין זייער הויך, העכער פון די מלאָכי השרת, וועגן וועמען עס איז געשריבן, „און זייערע רייפן — אי זיי האָבן געהאַט אַ הויכקייט, אי זיי האָבן געהאַט אַ מוראָדיקייט". און פון וועמען טוט ער אָפּשטאַמען? פון דוד המלך.

אָט דאָ האָבן מיר בלויז ציטירט עטלעכע פון די ערשטע מפרשים וואָס האָבן אויסגעלייגט דאָס קאַפּיטל אַז עס באַציט זיך צו דעם לײַדענדען און דערהויבענעם משיח השם. דער איינציקער וואָס האָט אַלץ דערפילט און ממלא געווען איז ישוע המשיח.

## איבעראיינשטימקייט

כאָטש די ערשטע מפרשים האָבן אויסגעלייגט דאָס קאַפּיטל אַז עס באַציט זיך צו משיחן, זיינען געקומען עטלעכע שפּעטערע מפרשים, ווי רש"י למשל, און האָבן אָנגעהויבן פאַרטייטשן דאָס קאַפּיטל אַז ס'באַציט זיך צום יידישן פאָלק. אָבער כאָטש די שפּעטערע מפרשים זיינען געווען ערנסט האָט מען דאָך געקענט איינזען אַז דער נייער טייטש איז ניט איינשטימיק מיטן פשט. אַנדערע רבנים האָבן אויפגעוויזן דריי אורזאַכן פאַרוואָס מיר מוזן פאַרטייטשן דאָס קאַפּיטל אויף משיחן. ערשטנס, צוליב די ערשטע מפרשים וואָס האָבן עס אַזוי אויסגעלייגט. צווייטנס, האָבן זיי געוויזן אַז דאָס קאַפּיטל איז אין דער איינצאָל. דריטנס. האָבן זיי געוויזן אַז פסוק אַכט קען זיך בשום אופן ניט באַציען צום פאָלק ישראל. „פאַר די זינד פון מיין פאָלק איז ער געפייניקט געוואָרן" זיי צייגן אַז „מיין פאָלק" מוז זיין דאָס יידישע פאָלק פאַר וועמען דער עבד השם ליידט די אַלע צרות.

הרב משה כהן דעריבער גיט דעם פאָלגענדן פשט:

וועגן דעם קאַפּיטל, זאָגן מפרשים אַז עס שמועסט וועגן גלות ישראל, כאָטש דאָס גאַנצע קאַפּיטל איז אין דער איינצאָל... אַנדערע האָבן עס פאַרטייטשט אַז עס באַציט זיך צו די צדיקים אויף דער וועלט וואָס ליידן אַזוי פיל... אָבער דאָ אויך איז עס אוממעגלעך וואָרעם עס איז אַלץ אין דער איינצאָל, און זיי פאַרדרייען דעם טייטש פונעם פסוק פונעם פראָסטן פשט. און דעריבער זעענדיק אַז זיי האָבן פאַרלאָזן דאָס וויסן פון אונדזערע חכמים, און האָבן פאַרדרייט דעם פשט לויט זייער פאַרהאַרטעוועט הארץ, און זייער אייגענער מיינונג, וויל איך עס דאָ אויסלייגן און פאַרטייטשן, לויט די לערעס פון אונדזערע רבנן, אַז עס באַציט זיך צו מלך המשיח.

צוליב דערזעלבער אורזאַך זאָגט אויך דער ש"ך, הרב משה אלשיך, וואָס האָט געוואוינט אין צפת אין זעכצנטן יאָרהונדערט, די פאָלגנדע ווערטער:

איך וויל דאָ באַצייכענען און אונטערשטרייכן, אַז אונדזערע רבנן האָבן אַלע מיט איין קול אויפגענומען און באַשטעטיקט די מיינונג אַז דער נביא (ישעיה נ"ג) רעדט וועגן מלך המשיח.

אַזוי געפינען מיר אויך אין דעם קאָמענטאַר פון הערץ האַמבערג, אָנהייב נייצענטן יאָרהונדערט וואָס שרייבט אַזוי:

לויט רשיס און אבן עזראַס מיינונג, באַציט זיך דאָס קאַפּיטל צו ישראל ביים סוף פון זייער גלות. אָבער אויב אַזו וואָס קענען באַדייטן די ווערטער, „ער איז פאַרוואונדעט געוואָרן פאַר אונדזערע זינד? ווער איז פאַרוואונדעט געוואָרן? ווער זיינען די זינדער? ווער האָט געטראָגן די קראַנקשאַפט און די ליידן? דער באַווייז איז אַז עס קען זיך נאָר באַציען צו מלך המשיח.

דאָ דאַרף איך נאָר צוגעבן אַז די דאָזיקע וואָס האָבן פאַרטייטשט דאָס קאַפּיטל אַז עס באַציט צו ישראל האָבן ניט געקענט געפינען קיין געהעריקן פשט אויף פסוק 8:

דורך דריקונג און דורך שטראָף איז ער אַוועקגענומען געוואָרן, און מיט זיין דור ווער האָט איינגעטענהט? וואָרום ער איז פאַרשניטן געוואָרן פון דעם לאַנד פון די לעבעדיקע, פאַר דעם פאַרברעך פון מיין פאָלק וואָס די פּלאָג האָט זיי געקומט.

איז דען, חלילה וחס, דאָס יידישע פאָלק אַמאָל פאַרשניטן געוואָרן פונעם לאַנד פון די לעבעדיקע? ניין מיר זיינען שטאָלץ און זינגען עם ישראל חי „עם לעבט דאָס יידישע פאָלק" און אין ירמיהו 34:31-36 זאָגט אונדז גאָט צו אַז מיר יידן וועלן בלייבן אויף אייביק אַ פאָלק. ווידער קען מען דאָך ניט זאָגן אַז ישראל האָט געליטן פאַר „מיין פאָלק" וואָס עס איז דאָך קלאָר אַז עס באַציט צו ישעיהס פאָלק. ישעיהס פאָלק זענען דאָך ניט די גוים, אָבער די יידן. קלאָר איז עס דעריבער אַז עס קען זיך נאָר באַציען צו משיחן וואָס האָט געליטן פאַר די זינד פון ישעיהס פאָלק, די יידן.

## פראָסט פשוט

אין איינער פון די בעסטע פּיוטים וואָס מען זאָגט עס יום כיפור אין כתר, האָט ער דער פיטן אַזוי איבערגעזעצט אין תשר"ק פיוט:

פנה מני משיח צידקנו, משיח אונדזער גערעכטיקייט איז אַוועק פון אונדז. מיר זיינען צעשטויסן און מיר האָבן קיינעם אַז ער זאָל אונדז גערעכטיקן. אונדזערע זינד, און דעם יאָך פון אונדזערע עבירות האָט ער געטראָגן, און ער איז פאַרוואונדעט געוואָרן פאַר אונדזערע זינד. ער טראָגט אונדזערע זינד אויף זיינע אַקסלען כדי צו קריגן פאַרגעבונג אויף אונדזערע עבירות.

אדרבה ווער קען עס זיין אויסער ישוע המשיחן. נעמט אים אויף און איר וועט האָבן מחילה דורך זיין קרבן, וואָרעם ער האָט געליטן פאַר אייערע זינד.

אָנֹכִי הוּא הָרֹעֶה הַטּוֹב
יוחנן י', 11

# רֹעֵה יִשְׂרָאֵל

וַהֲקִמֹתִי עֲלֵיהֶם רֹעֶה אֶחָד
יחזקאל ל"ד, 23

א מאנאטלעכע אויסגאבע אויפצוקלערן דעם אמת וועגן משיחן

Subscription 50 Cents a Year. | OCTOBER 1970 | Vol. 55 - No. 2


# דער ליידענדער קנעכט פון גאָט

פון ירחמיאל פרידלאַנד

מען האָט שוין פיל געשריבן און דיסקוטירט וועגן דעם פרק פון ישעיה נ"ב־נ"ג. אָט ווילן מיר עס ווידערגעבן אַזוי ווי עס איבערזעצט אויף יידיש פון תרגום יהואש:

> זע, באַגליקן וועט מיין קנעכט, ער וועט דערהייכט און דערהויבן ווערן און זיין זייער הויך. אַזוי ווי פיל האָבן געגאַפט אויף דיר — זוי פאַרקריפּלט, ניט פון אַ מענטשן איז געווען זיין אויסזען, און זיין געשטאַלט ניט פון מענטשנקינדער — אַזוי וועט ער מאַכן אויפשפּרינגען פיל פעלקער, מלכים וועלן צומאַכן זייער מויל פאַר אים; וואָרום וואָס זיי איז ניט דערציילט געוואָרן, וועלן זיי זען, און וואָס זיי האָבן ניט געהערט, וועלן זיי אָנקוקן.
>
> ווער האָט געגלויבט אונדזער הערונג? און דער אָרעם פון גאָט האָט זיך אויף וועמען אַנטפּלעקט? וואָרום ער איז אויפגעגאַנגען ווי אַ שפּראָץ גלייך אַרויף, און ווי אַ וואָרצל פון טרוקענער ערד; ער האָט קיין געשטאַלט ניט געהאַט און קיין שיינקייט, אַז מיר זאָלן אים אָנקוקן, און קיין אויסזען, אַז מיר זאָלן אים גלוסטן. ער איז געווען פאַראַכט און אויסגעמיטן פון מענטשן, אַ מענטש מיט ווייטאָקן און צו קראַנקשאַפט געוואוינט, און ווי איינער וואָס מען פאַרבאָרגט דעם פּנים פון אים; פאַראַכט, און מיר האָבן אים גערעכנט פאַר גאָרנישט.
>
> אָבער דאָס האָט ער אונדזער קראַנקשאַפט געליטן, און אונדזערע ווייטאָקן, זיי האָט ער געטראָגן, בעת מיר האָבן אים גערעכנט פאַר אַ געפּלאָגטן, פאַר אַ געשלאָגענעם פון גאָט און געפּייניקטן. און ער איז פאַרוואונדעט געווען איבער אונדזערע פאַרברעכן, צעדריקט איבער אונדזערע זינד; די אָפּקומעניש פאַר אונדזער גליק איז געווען אויף אים, און דורך זיינע בייַלן זיינען מיר געהיילט געוואָרן. מיר אַלע האָבן ווי שאָף געבלאָנדזשעט, איטלעכער צו זיין וועג זיך געקערט; און גאָט האָט אויסגעלאָזט אויף אים די זינד פון אונדז אַלעמען.
>
> ער איז געדריקט געוואָרן, אָבער ער האָט זיך געבויגן, און פּלעגט זיין מויל ניט עפענען, ווי אַ לאַם וואָס ווערט צו דער שחיטה געפירט, ווי אַ שעפּס וואָס איז שטום פאַר איר שערער; יאָ, ער פּלעגט זיין מויל ניט עפענען. דורך דריקונג און דורך שטראָף איז ער אַוועקגענומען געוואָרן, און מיט זיין דור ווער האָט איינגעטענהט? וואָרום ער איז פאַרשניטן געוואָרן פון לאַנד פון די לעבעדיקע, פאַר דעם פאַרברעך פון מיין פאָלק וואָס די פּלאָג האָט זיי געקומט. און מע האָט געמאַכט מיט רשעים זיין קבר, און מיטן תקיף זיין בערגל, הגם ער האָט קיין אומרעכט ניט געטאָן, און קיין באַטרוג איז ניט געווען אין זיין מויל.
>
> אָבער גאָט האָט אים געוואָלט צעדריקן מיט קראַנקשאַפט, צו זען אויב זיין זעל וועט זיך מאַכן פאַר אַ קרבן; כדי ער זאָל זען זאָמען, דערלענגערן זיינע טעג, און דער רצון פון גאָט דורך זיין האַנט זאָל געלינגען. מאַטערניש פון זיין זעל וועט ער זיך אָנזען צו זאַט; מיט זיין דערקענונג וועט מיין קנעכט דער גערעכטער גערעכט מאַכן פיל, און זייערע זינד וועט ער טראָגן. דרום וועל איך אים איינטיילן צווישן די גרויסע, און מיט די מעכטיקע וועט ער טיילן רויב; דערפאַר וואָס ער האָט אַנטבלויזט צום טויט זיין זעל, און איז מיט פאַרברעכער געציילט געוואָרן, בעת דעם חטא פון פיל האָט ער געטראָגן, און פלעגט פאַר פאַרברעכער זיך איינשטעלן.

## דער צוזאַמענהאַנג

די פסוקים זיינען קלאָר. דאָס קאַפּיטל באַשרייבט אַן אויסערגעוויינלעכן עבד יהוה וועמעס פּנים איז פאַרדאַרבן פון צרות און ליידן, און ער ליידט אַלע צרות פאַר די זינד פון מיין (ישעיה הנביאס) פאָלק. ער האָט ניט פאַרדינט קיין ליידן און קיין וואונדן, אָבער ער איז פאַרוואונדעט געוואָרן פאַר אונדזערע זינד, און דורך זיינע וואונדן זיינען מיר געהיילט געוואָרן. ניט נאָר קימערט ער זיך וועגן אונדז יידן, אָבער ער וועט מאַכן אויפשפּרינגען (באַשפּרענגען) פיל פעלקער, וואָס וועלן געריניקט ווערן פון זייערע רישעות און זינד דורך זיינע צרות. אפילו גוייאישע קעניגן און מלכים וועלן זיך אים צוהערן.

דער צוזאַמענהאַנג, דאָס הייסט, די קאַפּיטלעך פאַראויס און די וואָס פאָלגן דעם פרק, שמועסן אויך וועגן דער פיזישער און רוחניותדיקער רייניקונג און דערלייזונג פון ישראל. אַזוי זעען מיר אין ישעיה נ"ב (52):10, גאָטס זאָרג, צוזערשט מיט ישראל, און דאַן אויך פאַר די פעלקער, אַזוי ווי עס שטייט געשריבן:

> גאָט האָט אַנטבלויזט זיין הייליקן אָרעם פאַר די אויגן פון אַלע פעלקער, און אַלע עקן פון דער וועלט וועלן זען די ישועה פון אונדזער גאָט.

גאָט וואָס האָט באַשאַפן אַלע פעלקער, זאָרגט זיך פאַר דער דערלייזונג פון אַלע פעלקער. אדרבה, ישראל וועט קיינמאָל ניט זיין זיכער ביז אַלע פעלקער וועלן אָנערקענען דעם גאָט פון ישראל. ווידער דערזעלבער געדאַנק ווערט אַבערגעחזרט אינעם פאָלגענדן קאַפּיטל וואו דער נביא רופט צום פאָלק ישראל:

> ברייט אויס דעם אָרט פון דיין געצעלט, און די אומהאַנגען פון דיינע וואוינונגען זאָל מען אויסשטרעקן; ניט שפּאָר, מאַך לאַנג דיינע שטריק, און דיינע פּלעקלעך באַפעסטיק. וואָרום רעכטס און לינקס וועסטו זיך שפּרייטן, און דיין זאָמען וועט אַרבן די פעלקער (ישעיה נ"ד 3,2:54.).

דערזעלבער געדאַנק ווערט אויך פאָרטגעזעצט אינעם פאָלגענדן קאַפּיטל וואו יעדער איינער ווערט איינגעלאַדן צו טרינקען און זיך לאָזן וואוילגיין מיט גאָטס רוחניותדיקער שפּייז וועגן משיחן ווערט דאָרטן געזאָגט:

> זע, אַן עדות צו די פעלקער האָב איך אים געמאַכט, אַ פירשט און באַפעלער פון די אומות (ישעיה נ"ה 4:55).

מיר זעען קלאָר אַז די קאַפּיטלעך וואָס קומען אין צוזאַמענהאַנג מיט ישעיה נ"ג, לערנען אונדז וועגן משיחן, וועלכער וויל אַמערשטן די ישועה פון ישראל און דאַן אויך די דערלייזונג פון די אַנדערע פעלקער — די גוים.

*Published Monthly, except bi-monthly during July and August, by the American Board of Missions to the Jews, 236 West 72nd Street, New York, N. Y. 10023*